# פרשת וירא י"ב - י"ח חשון תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת וירא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שלום מערמעלשטיין** הי"ו, ולבן הר"ר **קלמן ראזענטאהל** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת **הרה"ג רבי משה חיים גאלד זצ"ל** אב"ד קראלי ב"פ.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת הטוב ומטיב סימן קע"ה סעיף ג') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, שא נא עיניך, הייב אויף דיינע אויגען, וראה מן המקום אשר אתה שם, און קוק פון דעם פלאץ וואו דו ביסט, צפונה ונגבה וקדמה וימה, אויף אלע פיר זייטען, כי את כל הארץ אשר אתה רואה, ווייל אלעס וואס דו זעהסט, לך אתננה ולזרעך עד עולם, געב איך פאר דיר און פאר דיינע קינדער אויף שטענדיג (בראשית יג-יד). עס איז דא צוויי דיוקים אינעם פסוק, שא נא עיניך, הייב אויף דיינע אויגען, וראה מן המקום אשר אתה שם. פארוואס דארף מען זאגען 'שא נא עיניך', ווען דער אייבערשטער זאל אים זאגען סתם, וראה מן המקום אשר אתה שם, ווייסט מען דאך אויך, אז מען דארף אויפהייבן די אויגען, ווייל אז מען האט צוגעמאכטע אויגען, זעהט מען נישט, פארוואס האט דער אייבערשטער געדארפט זאגען, 'שא נא עיניך'. בפשטות איז דער טייטש, אברהם אבינו האט זיך געהיטן די אויגען, ער האט נישט ארויסגעקוקט פון זיינע ד' אמות, ער איז געזעסן מיט אראפגעלאזטע אויגען, און אז מען זאגט פאר אברהם אבינו אז מען דארף קוקען צפונה ונגבה, זאגט מען אים, אז דו דארפסט יעצט אויפהייבען דיינע אויגן (עיין **בגרא דכלה** פ' וירא ד"ה וישא עיניו וירא). - און נאכדעם, וואס איז דער 'מן המקום אשר אתה שם', פון די פלאץ וואס דו ביסט דארט. אז מען זאגט הייב אויף די אויגען און קוק אויף אלע פיר זייטן, ווייס איך שוין אז ער קוקט פון די פלאץ וואו ער שטייט. וואס איז דער אריכת הלשון אינעם פסוק.

**די** גמרא (נדה ל:) זאגט, אז א קינד במעי אמו, איז נר דלוק על ראשו, ער האט א ליכט וואס ברענט אים אויפן קאפ, וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו, ער קען זעהן פון איין עק וועלט ביז די אנדערע עק וועלט. און ווען ער ווערט געבוירן, קומט א מלאך און ער נעמט עס צו פון אים, און ער זעהט נישט. און די גמרא גיט צו א שורה, ואל תתמה, דו זאלסט זיך נישט וואונדערן ווען איך זאג אזא זאך, אז א קינד קען זעהן מסוף העולם ועד סופו, ווי אזוי קען א מענטש זעהן פון איין עק וועלט ביז די אנדערע. זאגט די גמרא, ווייל א מענטש שלאפט דא, און ער זעהט א חלום באספמיא. א מענטש זעהט דאך נאר וואס עס איז ארום אים, דו ביסט דא, און דו זעהסט וואס עס טוט זיך אין אספמיא. איז דאך דער טייטש, אז א מענטש קען זעהן אפילו ער איז דא, כאילו ער דרייט זיך דארט ארום. זעהסטו דאך אז א מענטש קען זיין אויף איין פלאץ, און זעהן אויף די אנדערע פלעצער, אזוי אויך איז א קינד במעי אמו. ער קען זיין במעי אמו, עס איז דא מחיצות וואס פארשטעלן, און מיט אלעם, קען ער אויך זעהן מסוף העולם ועד סופו, אזוי ווי א מענטש זעהט אין חלום.

**קומט** דאך אויס, אז עס איז דא א מין ראיה וואס א מענטש קען זעהן, וואס מען זעהט עס נישט מיט די אויגען אליין, עס איז נאר וואס מען טוט זיך פארשטעלן, און ער קען זעהן, אזוי ווי מען זעהט א זאך אין חלום. וואלט מען געקענט מיינען, אז ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, איך גיי דיר ווייזען גאנץ ארץ ישראל, איז עס אזוי ווי א קינד וואס קען זעהן מסוף העולם ועד סופו, אזוי וועט ער קענען יעצט זעהן אלע פיר זייטען פון די וועלט. און עס איז גאר פארקערט, ער דארף זיך צומאכען די אויגן, אזוי ווי א מענטש וואס וויל זיך קאנצענטרירן אויף א זאך, מאכט ער צו די אויגן ער זאל נישט זעהן וואס עס טוט זיך דא, און דעמאלטס קען ער זיך קאנצענטרירן, און זעהן זאכען וואס איז נישט דא. דער אייבערשטער האט אבער געוואלט

אז אברהם אבינו זאל זעהן גאנץ ארץ ישראל מיט די אייגענע אויגען, האט דער אייבערשטער געזאגט, די ראיה וואס איך גיי דיר יעצט ווייזן ארץ ישראל, איז נישט אזא ראיה וואס דו וועסט דיך פארמאכען די אויגען, און נאר במחשבה וועסטו קענען זעהן מסוף העולם ועד סופו. נאר 'שא נא עיניך', הייב דיר אויף די אויגען, און מיט דיינע אפענע אויגען, וראה מן המקום אשר אתה שם, וועסטו קענען זעהן צפונה ונגבה. דער באשעפער האט אים געגעבן א כח הראיה שלא כדרך הטבע, ער זאל קענען זעהן מיט די אייגענע אויגען אלעס וואס טוט זיך ארום און ארום (עיין **ברמב"ן** בראשית טו-יח).

**נאך** האט אים דער אייבערשטער געזאגט, וראה מן המקום אשר אתה שם, פון די פלאץ וואס דו ביסט דארט. מען געפונט ביי משה רבינו אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט (דברים ג-כז), עלה ראש הפסגה, גיי ארויף אויפן שפיץ בארג, און הייב אויף דיינע אויגען, וועסטו קענען זעהן גאנץ ארץ ישראל. דו קענסט נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל, אבער איך וועל דיר ווייזן גאנץ ארץ ישראל. און ביי משה רבינו האט געדארפט זיין עלה ראש הפסגה, ער האט געמוזט ארויפגיין אויף א בארג אויבן, ער זאל קענען אראפקוקען אויף גאנץ ארץ ישראל. אברהם איז נישט געווען אויף א בארג, אברהם איז געווען אין שטוב, צו וואו ער איז געווען, און דער אייבערשטער זאגט אים, וראה מן המקום אשר אתה שם, דו דארפסט נישט גיין אין ערגעץ, איך גיי דיך נישט טראגען ערגעץ אנדערש. פון די פלאץ ווי דו זיצט יעצט, קוק דיך אום אויף אלע פיר זייטען, וועסטו קענען זעהן גאנץ ארץ ישראל.

**דער** הייליגער **אור החיים הק'** (שם יג-יד) טייטשט אבער אנדערש, און ער זאגט, אז דער אייבערשטער האט געמאכט דא א נס עצום פאר אברהם אבינו, אז געוועגליך א מענטש ווען ער וויל זעהן אויף די פיר זייטען, דארף ער זיך דרייען פון דרום אויף מזרח און צפון און מערב. אבער אברהם אבינו האט זיך נישט געדארפט דרייען, ער איז געזעסן אויף איין פלאץ, און ער האט געקענט זעהן אלע פיר זייטען ארום. מן המקום אשר אתה שם, ריר דיך נישט פון דעם פלאץ וואו דו ביסט, פון דארט וועסטו זעהן אלע פיר זייטען. דאס איז טייטש אין אנדערע ווערטער, אז געוועגליך דארף זיך א מענטש דרייען אויף אלע פיר זייטען צו זעהן ארץ ישראל, און דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, דו זאלסט זיצען אויף איין פלאץ, און איך גיי דרייען גאנץ ארץ ישראל פאר דיינע אויגן. אז פון דעם פלאץ וואו דו ביסט, וועסטו קענען זעהן גאנץ ארץ ישראל. דער אייבערשטער האט גענומען גאנץ ארץ ישראל, און ער האט עס ארומגעדרייט, אז מן המקום אשר אתה שם, פון דעם פלאץ וואו דו ביסט יעצט, וועסטו קענען זעהן אלעס ארום און ארום.

**עס** איז דא א ספר **שערי לימוד** פון א סלאנימער חסיד, רבי יצחק מתתי' לוריא ז"ל, און ער שטעלט זיך אויף דעם **אור החיים הק'**, און ער פרעגט, לא עביד קודשא בריך הוא ניסא למגנא, דער אייבערשטער מאכט נישט א נס אומזיסט. אז ער קען אים ווייזן ארץ ישראל נארמאל, אז אברהם אבינו זאל זיך דרייען אויף אלע פיר זייטען צו זעהן ארץ ישראל, דארף מען נישט נעמען ארץ ישראל, און מען זאל דרייען ארץ ישראל פאר די אויגען פון אברהם אבינו. פארוואס האט עס דער אייבערשטער געטון.

**זאגט** ער, מיט א מעשה וואס ער האט געהערט פון **רבי מאטעלע סלאנימער זצ"ל**, אז דער **הייליגער רוזינער זי"ע** האט אמאל געדאווענט נעילה יום כיפור, און ער איז געשטאנען שמונה עשרה אויף איין פלאץ, און עס האט אים זייער לאנג גענומען די שמונה עשרה, ער האט זיך נישט גערירט. איז געקומען דער זון, רבי שלום יוסף, און ער האט אנגעקוקט דעם פאטער, און ער איז צוגעגאנגען צום מחזור, און ער האט איבערגעדרייט דאס בלעטל. דער **רוזינער** האט ווייטער אנגעהויבן צו דאווענען, און ביז אפאר מינוט האט ער געענדיגט די שמונה עשרה.

**האט** מען געפרעגט דעם זון, וואס איז געווען דא. האט ער געזאגט, איך האב אנגעקוקט דעם טאטען, און איך האב געזעהן, אז ער האט אזא פחד פונעם אייבערשטען, אז ער קען זיך נישט באוועגן, און ער קען נישט איבערדרייען דעם בלעטל פונעם מחזור. און אויסענווייניג האט ער נישט געדאווענט, איז ער געבליבען שטעקן, און ער האט נישט געקענט ווייטער דאווענען. בין איך געגאנגען און איך האב איבערגעמישט דאס בלעטל, האט ער געקענט

ווייטער דאווענען. אזוי האט דערציילט רבי מאטל סלאנימער אויפן הייליגען רוזינער.

**שרייבט** דער רבי מתתי', אברהם אבינו ווען ער האט גערעדט צום אייבערשטען, האט ער געהאט אזא פחד, אז ער איז פארפרוירן געווארן אויף איין פלאץ, און ער האט זיך נישט געקענט דרייען און זעהן אויף אלע פיר זייטען. האט דער אייבערשטער געמוזט נעמען ארץ ישראל, און עס ארומדרייען אקעגן אברהם אבינו, כדי ער זאל קענען זעהן אלע פיר זייטען, ווייל אברהם אבינו איז געווען אזוי פארפרוירן פון פחד ה', אז ער האט נישט געקענט זעהן. - ער שטעלט עס צו, צו די מעשה פונעם **רוזינער**.

**מען** קען צוגעבן א ווארט, און אז מען מאכט שוין נסים, איז פונקט ווי דער אייבערשטער קען מאכען א נס, אז ארץ ישראל זאל זיך דרייען פאר די אויגען פון אברהם, קען ער מאכען א נס, אז אברהם אבינו זאל זיך קענען דרייען. ער איז טאקע פארפרוירן אויף איין פלאץ, אבער אז מען דארף ממילא מאכען נסים, פארוואס דארף מען דרייען ארץ ישראל, מען קען דאך דרייען אברהם אבינו. איז א סימן אז ווען א יוד שטייט מיט א פחד פארן אייבערשטען, טוט אים דער אייבערשטער נישט טוישן פון זיין מצב. הלואי זאלסטו זיין מיט אזא פחד פארן אייבערשטען שטענדיג. מען נעמט נישט דעם מענטש, און מען נעמט אים ארויס פון זיין פחד, אז ער זאל זיך קענען דרייען. ענדערש דרייט מען גאנץ ארץ ישראל ארום, ווי צו דרייען דעם מענטש.

**נאכדעם** ענדיגט ער צו נאך א סיבה, פארוואס דער אייבערשטער האט אזוי געטון. און ער פארציילט נאך א מעשה, אז דער **יסוד העבודה זצ"ל**, פון די סלאנימער רבי'ס, איז אמאל געווען שטארק פארמח'ט אין עפעס א ענין. און עס איז צוגעקומען צו אים א יוד, וואס האט נישט געוואוסט ווער ער איז, און ער האט אים גערופן משלים צו זיין מנין. ער איז געווען זייער פארמח'ט, און אזוי ווי ער האט זיך נישט גערירט, האט ער אים געגעבן א שאקל ביי די ארבעל, א צענטער פאר מנין. האט אים דער **יסוד העבודה** געזאגט, מיין נישט באוועגן איז ביים אייבערשטען וויכטיגער פון דיינע טויזנט מנחה'ס. און ער איז נישט געגאנגען, ער איז געווען פארמח'ט אין עבודת ה'.

**זאגט** ער, דער אייבערשטער האט געהאט אזא חיבה צו אברהם אבינו, אז עס איז אים געווען גרינגער צו דרייען ארץ ישראל פאר אברהם אבינו, ווי מטריח צו זיין אברהם אבינו, אז ער זאל זיך דארפן דרייען אויף פיר זייטען זעהן ארץ ישראל. און ער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, דו בלייב אויף איין פלאץ, און מן המקום אשר אתה עומד שם, וועל איך דיר ווייזן גאנץ ארץ ישראל.

*

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל שמחת הבר מצוה של בן הר"ר **שלום מערמעלשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם לאו שאטוי, ואצל הבר מצוה של בן הר"ר **קלמן ראזענטאהל** הי"ו, שהתקיים באולם דיקאריעם.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת התנאים של בן ש"ב **הרה"ג רבי חיים אבערלענדער שליט"א** אב"ד ווילעדניק, עב"ג בת **הרה"ג רבי יקותיאל יצחק שווארץ שליט"א** אב"ד בראד, שהתקיים באולם ויואל משה.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **מרדכי אדלער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב יחזקי' גרינוואלד** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של **הגה"צ רבי יצחק מאשקאוויטש זצ"ל** אב"ד נייטרא וומסב"ג, שהתקיים לפני בית מדרשו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **דוד** (ב"ר שלמה זלמן) **נייהויז** הי"ו, שהתקיים בבית **כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א**.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **חיים שמחה בונם** נ"י בן הר"ר **עמרם הירש** הי"ו,

עב"ג בת הר"ר **אשר יוסף שטיינמעטץ** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **ישראל** נ"י בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה יונה ברוין** הי"ו. ושל החתן **משה** נ"י, בן הר"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **זלמן לייב טייטלבוים** הי"ו.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **חיים שמחה בונם הירש** נ"י, ורקד עם החתן לפני הכלה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת וירא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **ישראל דוד זינגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם, אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה זאגט די תורה הק', אז אברהם אבינו איז געזעסן פתח האהל, און עס זענען געקומען די שלשה אנשים, און ער האט זיי געזאגט, ואקחה פת לחם וסעדו לבכם אחר תעבורו (בראשית יח-ה), און איך וועל נעמען א שטיקל ברויט, און עטץ וועטס ענק זעטיגען, און נאכדעם קענט עטץ אוועקגיין. רש"י זאגט, אז זיי האבען געזעהן דהוה שרי ואסיר, ער האט געהאלטן שלישי למילתו, ער איז געווען פארנומען מיט זיין באנדאזש, ער האט עס געעפענט און צוגעמאכט. זיי האבען געזעהן אז עס קומט אים אן שוער, האבען זיי געוואלט אוועקגיין, האט ער זיי געזאגט, אל נא תעבור מעל עבדך, זיי זאלן בלייבען דא. קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א כוונה.

**עס** איז דא א ספר **אור תורה** פונעם **אסטראווצער** (), און צום סוף (בקונטרס משמרת כהונה) איז געדרוקט זאכען וואס מענטשען האבען פארציילט פון דעם **אסטראווצער**. שטייט דארט אזוי, אז איינער א תלמיד חכם האט פארציילט, אז ער איז געווען ביים **אסטראווצער** אין שטוב, און עס איז אריינגעקומען א יונגערמאן, און ער האט געזאגט, אז ער גייט יעצט אראפ פון די קעסט פון זיין שווער, און ער הייבט אן צו טון פאר זיך אליין. האט אים דער אסטראווצער געזאגט, איך האב גרויס הנאה. אין הימל איז דא א שמחה, ווען א מענטש שטעלט זיך אויף די אייגענע פוס. ביז יעצט ביסטו געווען אנגעוויזען אויפן שווער, יעצט גייסטו זיך שטעלן אויף די אייגענע פוס, אין הימל איז דא א שמחה, ווען א יוד שטעלט זיך אויף די אייגענע פוס. האט ער צוגעזאגט ווייטער, מען זעהט די וואך אין די פרשה, אז אברהם האט געמאכט א סעודה ביום הגמל את יצחק (בראשית כא-ח), בשעת ער האט אפגעוואוינט דאס קינד פון זייגען, האט ער געמאכט א סעודה. ווייל ביז יעצט, די ערשטע צוויי יאר, איז דאס קינד געווען אנגעוויזען אויף די מאמעס מילך, און אז ער גייט אראפ פון די מאמעס מילך, און ער שטעלט זיך אליין אויף די פוס, מאכט מען א סעודה.

**האט** ער ווייטער צוגעגעבן, אז אטייל זאגען אז ביום הגמל גייט ארויף אויף ברית מילה. ה"ג מל, ה"ג איז אכט, צו די אכט טאג האט ער גע'מל'ט יצחק, און ער האט געמאכט א סעודה אויף די מילה. ווי קומט אהער יעצט די סעודה פון מילה, ווען מען רעדט דא ביום הגמל את יצחק. מען האלט שוין צוויי יאר נאכען ברית, וואס האט ער יעצט געמאכט א סעודה אויפן ברית מילה. האט ער געזאגט אזוי, אז עס שטייט אין מדרש (תנחומא תזריע ה) אז טורנוסרופוס הרשע האט געפרעגט רבי עקיבא, וואס איז חשוב'ער, א זאך וואס דער אייבערשטער טוט, צו א זאך וואס א בשר ודם טוט. האט ער פארשטאנען אז רבי עקיבא וועט ענטפערן, אז א זאך וואס דער אייבערשטער טוט איז חשוב'ער. האט אים רבי עקיבא געענטפערט, אז א זאך וואס א בשר ודם טוט איז חשוב'ער. נאכדעם אינמיטן שמועס פרעגט ער אים, אויב דער אייבערשטער וויל אז מען זאל זיין גע'מל'ט, פארוואס האט ער נישט באשאפן דעם מענטש גע'מל'טערהייט. האט אים רבי עקיבא געזאגט, איך האב געוואוסט אז די שאלה גייסטו מיך פרעגן, און וועגן דעם האסטו מיר מקדים געווען צו פרעגן וואס איז חשוב'ער, וואס דער אייבערשטער טוט, צו וואס א בשר ודם טוט, האב איך דיר געענטפערט, אז וואס א מענטש טוט איז חשוב'ער. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן מצות מילה, אז מיר זאלן זיך אליין מל'ן.

**האט** ער אים געזאגט, ער זאל אים ברענגען א ראיה דערויף. האט רבי עקיבא גענומען זאגען פון ווייץ, און ער האט אים געוויזען א פארטיגע קיכל, און ער האט אים געפרעגט, וואס איז בעסער? די ווייץ, צו דאס קיכל. האט ער געזאגט, די קיכל. האט ער אים געזאגט, די ווייץ האט דער אייבערשטער באשאפן, און דעם קיכל האט דער מענטש געמאכט, זעהסטו דאך אז וואס א מענטש טוט, איז חשובער פון וואס דער אייבערשטער מאכט. - מסביר צו זיין. אוודאי וואס דער אייבערשטער טוט, איז די חשוב'סטע. אבער דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, אז עס האט נישט קיין שלימות, ביז א מענטש טוט נישט גומר זיין די בריאה. דער אייבערשטער האט באשאפן די ווייץ, דו זיי עס גומר. די זעלבע איז אויך מיט מילה. דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש אומגע'מל'ט, אז דער מענטש דארף זיך משלים זיין, און ער זאל זיך מל'ן.

**ויעש** אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק, א טאג פון א ברית, וועט מען פרעגן א שאלה וואס דארף מען מל'ן דאס קינד. אז דער אייבערשטער וויל מען זאל זיין גע'מל'ט, וואלט מען דאך געקענט געבוירן ווערן געמלט'ערהייט. איז דאך דער תירוץ דערויף, ווייל וואס א מענטש טוט אליין איז חשוב'ער. א ראיה דערויף איז, אז דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, אז ביז צוויי יאר האט ער מילך פון די מאמע, און נאכדעם פארלירט ער די מילך פון די מאמע, ווייל מען דארף זיך שטעלן אויף די אייגענע פוס, מען דארף אליין טון. די ערשטע צוויי יאר גיט דער אייבערשטער, אבער נישט דאס איז דער תכלית צו בלייבען ביי די מאמע טרינקען מילך דאס גאנצע לעבן. די תכלית איז, אז מען זאל זיך שטעלן אויף די אייגענע פוס. אז מען מאכט א סעודה ביום הגמל את יצחק, ווען מען געוואוינט אפ דאס קינד פון זייגען, ווערט נשלם דער ענין פון מילה. דעמאלטס פארשטייט מען, פארוואס א מענטש דארף זיך מל'ן, און מען איז נישט באשאפן געווארן געמלט'ערהייט. אזוי שטייט דארט פונעם הייליגען **אסטראוווצער**.

**אברהם** אבינו האט מפרסם געווען אמונת אלקי עולם, עס איז נישט דא קיין שום זאך אויף די וועלט וואס קומט נישט פונעם אייבערשטען. דער באשעפער האט באשאפן די וועלט, און ער פירט די וועלט. און דא זעהט מען אז אברהם אבינו האט זיך גע'מל'ט ביי די הונדערט יאר, וועט מען דאך פרעגן די שאלה, פארוואס דארפסטו זיך מל'ן. אויב דער אייבערשטער וויל אז מען זאל זיין גע'מל'ט, וואלט דער אייבערשטער געדארפט באשאפן דעם מענטש אזוי. ממה נפשך, איז די וועלט א טבע, פארשטייט מען אז אויף די וועלט איז נישט דא קיין שלימות, דארף מען גומר זיין וואס עס פעלט אויס. אבער טאמער דו גלייבסט אז עס איז דא א בורא עולם, דער באשעפער האט באשאפן די וועלט, דער באשעפער טוט א זאך בשלימות, פארוואס איז דער מענטש באשאפן געווארן אז מען דארף זיך מל'ן. איז דאס לכאורה געווען א סתירה מיט דעם וואס אברהם אבינו האט מפרסם געווען די אמונה.

**זיי** זענען געקומען צו אברהם אבינו, זיי האבען געוואוסט אז ער איז מפרסם אמונת אלקי עולם, און זיי האבען געזעהן דהוה שרי ואסיר, ער איז פארבינדען מיט מצות מילה. פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן, פארוואס האט דיך דער אייבערשטער נישט באשאפן געמל'טערהייט. האבן זיי זיך געוואלט פורש זיין פון אים און אוועקגיין. האט ער געזאגט, ואקחה פת לחם, איך וועל נעמען א שטיקל ברויט, קוקטס ביי ברויט, דארט זעהט מען אז דער אייבערשטער האט באשאפן די שבלים, און עס איז דא די ברויט. און וואס איז בעסער, די ברויט צו די שבלים, אוודאי די ברויט. איז דאך דער טייטש ווייל דער אייבערשטער וויל אז מען זאל אליין משלים זיין די בריאה. פון דעם איז 'וסעדו לבכם', מיט דעם וועט עטץ ענק בארואיגען, און פארשטיין אז אפילו עס איז דא א בורא עולם, פון דעסטוועגן דאך וויל דער אייבערשטער אז א מענטש זאל זיך אליין משלים זיין, און וועגן דעם האט ער אונז געגעבן די מצוה פון מילה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת לעוו, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הרה"ח רבי **זאב לעוו** ע"ה).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **ישראל חיים אשרי** שליט"א אב"ד שער אפרים, עב"ג בת הרה"ג רבי **מנחם שמואל דאכנער** שליט"א, שהתקיים באולם תורה ויראה. ואצל החתונה של בת הר"ר **חיים פישער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ברוך האלפערן** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת וירא***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של החתן **חיים שמחה בונם** (ב"ר עמרם) **הירש** הי"ו, שהתקיים בבית **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, ונאם בשם המשפחה. אחר כך נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו. אחר ברכת המזון רקד **רבינו שליט"א** עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת שבע ברכות לכבוד ר' עמרם, און דער חתן ברא כרעיה דאבוה, מען האט גערעדט פריער פון די מדת החסד וואס איז דא אין די שטוב, איך וויל נאר צוגעבן א ווארט אין די פרשה. - די פרשה די וואך איז געבויט אויף חסד, אברהם אבינו האט געזעהן שלשה אנשים נצבים עליו, און די תורה פארציילט ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט, ער האט צוגעגרייט פאר זיי פון די שענסטע און די בעסטע וואס מען קען. מען איז צוגעוואוינט פון אלץ קינד אז מען לערנט חומש רש"י, עס ווערט אזוי פשוט די מעשה, אז די געסט זענען געקומען צו אברהם אבינו, און ער האט געברענגט צו עסן. מען זאל אביסל אריינטראכטען, וואס דאס מיינט וואס אברהם אבינו האט געברענגט דעמאלטס צו עסן פאר די אורחים. ער איז געגאנגען שחט'ן דריי בהמות, כדי צו געבן פאר יעדן איינעם די בעסטע חלק דערפון, א צונג. איך מיין אז היינט איז נישט דא קיין איין בעל מכניס אורח, וואס ווען עס קומט א משפחה, זאל ער גיין פאר דעם שחט'ן דריי בהמות, אפאר הונדערט פונט פלייש. עס איז נישט געווען קיין פרידזשידער און קיין פריזער וואו מען האט עס נאכדעם געקענט אוועקלייגען. מען האט עס גערארפט אויסנוצן אין א קורצע צייט. די זון האט געברענט, און פלייש ווערט זייער שנעל קאליע אין אזא צייט. און אברהם אבינו האט נישט געקוקט אויף קיין שום זאך. עס איז אים נישט גרינג אנגעקומען, עס איז געווען שלישי למילתו, און ער האט פראבירט צוצושטעלן דאס בעסטע וואס ער קען פאר די אורחים. עס איז א געוואלדיגע נקודה פון חסד וואס מען זעהט ביי אברהם אבינו, ווי אזוי ער האט מקבל געווען די אורחים.

**אברהם** אבינו האט זיי אריינגערופן, און ער האט זיי געזאגט, ואקחה פת לחם, קומטס איך וועל ענק געבן א שטיקל ברויט, וסעדו לבכם, אחר תעבורו. און נאכדעם האט ער געזאגט, מהרי שלש סאים קמח סולת, און נאכדעם ואל הבקר רץ אברהם (בראשית יח-ה). בפשטות זאגט מען, אז צדיקים אומרים מעט ועושים הרבה, ער האט אנגעהויבען ואקחה פת לחם, איך וועל געבן א שטיקל ברויט, און נאכדעם האט ער געגעבן א גאנצע סעודה (בבא מציעא פז.). מן הסתם שטייט עס אין די מפרשים, ווייל עס איז אין פשוטו של מקרא, צוצוגרייטען אזא סעודה וואס אברהם אבינו האט צוגעגרייט, נעמט שעות ארוכות. ואל הבקר רץ אברהם, עס איז דא א דיעה, אז ער איז נאכגעלאפן נאך די בהמות ביז צום מערת המכפלה, און ער איז צוריקגעקומען, און ער האט געדארפט שחט'ן די בהמות, און נאכדעם דארף מען עס איינזוייקען, און זאלצן, און מען דארף עס קאכען, עס איז דאך בישרא דתורא. אין גרינגסטן וועג וואס אברהם אבינו זאל צוגרייטען די סעודה פאר די אורחים, האט עס מן הסתם גענומען א דריי פיר שעה. די געסט קענען אויסגיין אין אזא צייט, ביז מען גרייט צו א סעודה. האט אברהם זיי געזאגט, קודם קומטס אריין אין שטוב, איך האב פאר ענק צוגעגרייט זעמלעך. קודם כאפטס ענק דאס הארץ, און עסט'ס אויף די ברויט וואס איך געב ענק. נאכדעם קענט עטץ אוועקגיין ערלעדיגען ענקערע זאכען א צוויי דריי שעה, און נאכדעם זאלט עטץ צוריקקומען וועט זיין צוגעגרייט פאר ענק א געהעריגע סעודה. ער האט זיי געזאגט, 'ואקחה פת לחם', קומטס אריין און איך וועל ענק געבן ברויט, 'וסעדו לבכם', כאפ'ס ענק דאס הארץ, 'אחר תעבורו', נאכדעם קענט עטץ גיין שפאצירן, און נאכדעם וואס עטץ וועטס ערלעדיגען וואס עטץ דארפסט דא אין שטאט, וועל איך ענק צוגרייטען די סעודה.

*

**די** מפרשים שטעלן זיך אויף די לשון 'ואקחה' פת לחם, און איך וועל נעמען. עס וואלט געדארפט שטיין ואתן, און איך וועל געבן פת לחם. פארוואס זאגט ער ואקחה, און איך וועל נעמען פת לחם וסעדו לבכם. נאר ווען מען טוט חסד מיט א צווייטען, טוט מען עס נישט נאר מיט יענעם, נאר מען טוט עס פאר זיך אליין אויך. יעדע חסד וואס מען טוט מיט א אנדערן, ווערט צוריקבאצאלט נאכדעם פאר דעם מענטש אליין, סיי אין גשמיות, און סיי אין רוחניות. עס שטייט אזוי אין פסוק (קהלת יא-א), שלח לחמך על פני המים, כי ברוב הימים תמצאנו. פשוט פשט איז, געב אוועק דיין לחם על פני המים, אפילו דו זעהסט נישט אז עס וועט דיר צוריקקומען עפעס דערפון, אז דו וועסט האבען נוצן דערפון. טו עס אזוי ווי א מענטש לייגט א זאך אויפן וואסער וואס עס ווערט פארשוועמט, און ער טרעפט עס נישט מער. כי ברוב הימים תמצאנו, אז מען טוט חסד מיט יענעם, יארן שפעטער באצאלט מען עס פאר א קינד, א אייניקעל. מיר האבן אמאל געהאט א שייכות, דו האסט מיר ארויסגעהאלפען, איך וועל דיר יעצט ארויסהעלפן, עס ווערט צוריקבאצאלט חסד אין פשוט'ן וועג. און אין הימל איז דא אנדערע חשבונות אויך, יעדער חסד וואס א יוד טוט מיט א צווייטען, איז דא כמה דרכים ווי אזוי דער באשעפער באצאלט צוריק נאכדעם דעם חסד פאר אים. במדה שאדם מודד מודדין לו (סוטה ט.), ווען א מענטש גייט ארויס פון זיין וועג פארן חבר, טוט דער אייבערשטער ארויסגיין כביכול פון זיין וועג, צוריק צו באצאלן פאר דעם מענטש וואס ער האט געטון. די מדה מיט וואס א מענטש איז זיך מודד, מיט דעם טוט מען אים מעסטן פונעם הימל.

**אברהם** אבינו האט געגעבן צו עסן פאר די אורחים, וויפיל האט אים דער אייבערשטער צוריקבאצאלט דערפאר. עס שטייט אין די גמרא (בבא מציעא פו:), אז אין דעם שכר וואס ער האט געגעבן פת לחם, האט גאנץ כלל ישראל שפעטער זוכה געווען צו די מן אין מדבר. ששים רבוא יודען האבען זוכה געווען צו עסן מן אינעם מדבר, לחם מן השמים. פאר יקח נא מעט מים, האט מען זוכה געווען צו די בארה של מרים. פאר והשענו תחת העץ, האט מען זוכה געווען צו די ענני הכבוד. פון איין נאכמיטאג וואס אברהם אבינו האט געטון חסד פאר די אורחים כחום היום, איז באצאלט געווארן שפעטער פאר זיינע קינדער און אייניקלעך אן א שיעור. ווייל ווען א מענטש טוט חסד, טוט אים דער אייבערשטער באצאלן נאכדעם אויף כמה אופנים.

**ער** האט געוואלט בארואיגען די געסט, האט ער זיי געזאגט, איך פלאג זיך נישט פאר ענק. דאס וואס איך טו פאר ענק, דאס נעם איך פאר מיר אליין. אז איך טו יעצט חסד, וועט מיר דער אייבערשטער צוריקבאצאלען נאכדעם די חסד. נישט איך געב ענק פת לחם, נאר 'ואקחה' פת לחם, איך גיי נעמען פאר מיר מיט דעם פת לחם. מיט דעם פת לחם וואס איך געב ענק יעצט, וועט מיר דער אייבערשטער באצאלען פאר מיינע דורות שפעטער, וואס אברהם אבינו איז געווען דער שורש החסד, און דער אייבערשטער האט שפעטער באצאלט פאר זיינע קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך, דעם חסד וואס ער האט געטון.

*

**נאכדעם** שטייט אין חז"ל (שמו"ר כח-א, שוחר טוב ח. ועיין **בדעת זקנים** פ' וירא) אז דורכדעם וואס אברהם אבינו האט דעמאלטס געגעבן צו עסן פאר די אורחים, און זיי האבען געגעסן בשר בחלב, האט מען זוכה געווען שפעטער מקבל צו זיין די תורה. ווען מען האט געוואלט טשעפענען משה רבינו, צר קלסתר פניו של משה דומה לאברהם, ואמר להם לא זהו שאכלתם אצלו. גאנץ קבלת התורה וואס מיר האבן, איז אלץ געקומען פון די סעודה וואס אברהם אבינו האט דעמאלטס צוגעגרייט. זעהט מען אז עס איז דא כמה דרכים ווי אזוי דער אייבערשטער באצאלט א חסד וואס א יוד טוט מיט יענעם.

**רש"י** זאגט אויף ולטוטפת בין עיניך (שמות יג-טז), אז וועגן דעם ווערן די פיר פרשיות פון תפלין אנגערופן טוטפת. ווייל 'טט' איז אין כתפי טייטש צוויי, און 'פת' איז אין אפריקי טייטש צוויי. די תורה הק' ווערט אנגערופן לחם (משלי ט-ה), און עס איז נישט איין לחם, נאר עס איז תורה שבכתב, און תורה שבעל פה. שני לוחות הברית. עס איז 'פת' לחם. אברהם אבינו האט זיי געזאגט, מיט דעם וואס איך געב ענק יעצט צו עסן, מיט דעם איז 'ואקחה', וועל איך אליין אמאל נעמען, 'פת לחם', צוויי תורות, תורה שבכתב און תורה שבעל פה. דער

אייבערשטער וועט מיר געבן פאר די סעודה, אז מיינע קינדער וועלן זוכה זיין צו תורה.

**מען** רעדט פון מדת החסד וואס ר' עמרם טוט אזויפיל פריוואט פאר אונז אין די משפחה, און אין בית המדרש, און בכלליות פאר יעדן איינעם. זאל דער אייבערשטער העלפן אי"ה, אז דער באשעפער וועט צוריקבאצאלן דעם חסד. מען מאכט חתונה די קינדער, זאל מען זעהן ביי זיי אסאך יודיש נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער. דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און זיין א בנין עדי עד. די עלטערן און די זיידעס זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה ביי אלע קינדער און אייניקלעך, און מיר אלע זאלן זעהן שמחות, און קענען טון חסד איינער מיטן צווייטען, און דער באשעפער זאל אונז צוריקבאצאלן דעם חסד וואס מיר טוען, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר השבע ברכות נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **הגה"צ רבי פייוויל סופר שליט"א** אב"ד בוענאס איירעס, להזמין את **רבינו שליט"א** להחתונה של נכדתו בשעטומ"צ.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** ווי אזוי איז דער ישוב דארט, עס מערט זיך?

**אב"ד בוענאס איירעס:** יא. עס מערט זיך.

**רבינו:** די יונגעלייט בלייבן דארט וואוינען.

**אב"ד בוענאס איירעס:** עס זענען דא וואס קומען אהער, עס איז נארמאל אז מען זאל קומען וואוינען אהער קיין אמעריקא, ווייל דא וואוינען אסאך. עס מאכט זיך דארט אסאך מאל א ירידה אין פרנסה, ווערט נתעורר צו קומען אהער. בכלליות איז די פרנסה דארט גוט, אבער עס איז נישט קיין סטאבילער פלאץ. עס איז דא ירידות. עס איז שוין איבער פופציג יאר וואס איך בין דארט ב"ה.

**רבינו:** ביז הונדערט און צוואנציג יאר אי"ה.

**אב"ד בוענאס איירעס:** איך האב געהאט א מעשה מיטן **סאטמארער רבי'ן זי"ע**, איך בין געגאנגען פרעגן וועגן דעם שידוך. ער האט געוואוסט אז מיין שווער (הגה"צ **רבי קלונימוס אליעזר עקשטיין זצ"ל** אב"ד בוענאס איירעס) זוכט אז איך זאל וואוינען אין ארגענטינא, מיין רעבעצין איז געוועזן די גאנצע טוהערן דארט ביי די מיידלעך. פרעגט מיך דער רבי, צו איך וועל וואוינען דארט? האב איך געזאגט, אז עס הייסט אז אין אנפאנג. האט ער געמאכט אזוי מיט די הענט, 'די גאנצע לעבן איז נאר א אנפאנג'.

**רבינו:** ער האט אפגע'פסק'נט.

**אב"ד בוענאס איירעס:** התקן עצמך בפרוזדור (אבות ד-טז).

**רבינו:** וואו האט עטץ געוואוינט פארדעם?

**אב"ד בוענאס איירעס:** איך האב געוואוינט אין ירושלים, איך בין געקומען אהער לערנען אין ישיבה, און מיין שווער איז געקומען אהער זוכען א חתן, און ער האט געזאגט פארן רבי'ן אז ער וויל איינער וואס וועט גיין אהין. ווער וועט וועלן גיין אהין, האט אים דער רבי געזאגט, ער זאל זוכען צווישן די ארץ ישראל'דיגע בחורים. און אזוי איז געווען. מיין תנאים איז געווען ביים רבי'ן אין שטוב, כסלו תשכ"ח, פאר ער איז געווען נישט געזונט. און די חתונה מיינע איז געווען אין ארגענטינא. איך וואוין שוין דארט איבער פופציג יאר.

**רבינו:** ב"ה מען האט אסאך אויפגעטון דארט. אז מען טוט אויף, לוינט זיך נישט אוועקצוגיין.

**אב"ד בוענאס איירעס:** דער רבי זי"ע האט זיך אמאל אפגערעדט פאר מיין שווער, ממש אין די לעצטע יארן, אז ער האט נישט קיין געטרייע מענטשען. האט אים מיין שווער געזאגט, רבי איך קום אהער, און איך וועל זיין געטריי פארן רבי'ן. האט אים דער רבי געזאגט, ניין ניין ניין, דו בלייב דארט...

**רבינו:** ער איז געווען א תלמיד?

**אב"ד בוענאס איירעס:** ניין. ער איז געווען א גאלאנטער תלמיד, און ער איז אויך געווען א משמש ביים **ביקסאדער רב זצ"ל**. ער האט געהאלטן אז דאס האט אים געראטעוועט. פאר ער איז אוועק האט ער זיך געזעגנט, האט אים דער **ביקסאדער רב** געזאגט, דו האסט מיך זייער געטריי משמש געווען, מוז איך האפטען פאר דיר. און ער האט אויפגעמישט א תהלים, און ער האט אים געזאגט, דא שטייט אז איך מוז האפטען, ערוב עבדך לטוב אל יעשקני זדים (תהלים קיט-קכב), די רשעים זאלן נישט האבען קיין

שליטה. און אז דא שטייט אז איך דארף האפטען, האפט איך פאר דיר. מיין שווער האט געהאלטען אז די ברכה האט אים געהאלפען אז ער זאל קענען איבערלעבן די קריג.

**רבינו:** א שיינע ברכה.

**אב"ד בוענאס איירעס:** ווען ער האט געדארפט א שידוך טון, איז ער אריינגעגאנגען צום **גאלאנטער רב זצ"ל** זיך געזעגענען, האט ער אים געזאגט, דו מוזט פארן קיין אונטערלאנד, ווייל א יונגער בחור קען נישט טון א שידוך אין אויבערלאנד וועגן די מיליטער. האט ער געזאגט, די אונטערלענדער יודען זענען גרויסע ערליכע יודען, און פאר אזא גרויסע מצוה ווי צו טון א שידוך, מאכען זיי צומאל א דריידל. גיב זיך אכטונג.

**רבינו:** אויף א שדכן שטייט, ש'קר ד'ובר כ'סף נ'וטל. א שידוך דארף גיין אזוי.

**אב"ד בוענאס איירעס:** מען זאגט נאך פונעם **תניא**, אז אויב מען וועט גיין מיטן גאנצן אמת, קען נישט ווערן א שידוך. - איך וויל באדאנקען אויף דעם וואס מען איז מטריח אסאך מאל.

**רבינו:** עס איז ביי מיר נישט קיין טירחא, עס איז א כבוד.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**אב"ד בוענאס איירעס:** דער באשעפער זאל העלפען, מען זאל זיין געזונט, און קענען מקדש זיין שם שמים, קענען אויפטון פארן באשעפער'ס וועגן, מיט סייעתא דשמיא.

**רבינו:** וכן למר. מען זאל קענען אי"ה להגדיל תורה ולהאדירה, מען זאל זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב, ובשעה טוב ומוצלחת.

*

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **אליעזר** נ"ו בן הר"ר **דוב ברילל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **סענדר גראס** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן מחותנו הרה"ג רבי **חנוך העניך באב"ד** שליט"א, עב"ג בת הרה"ג רבי **ישראל דוד האניג** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **יואל אשר קאליש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מיכל ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת וירא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי יצחק מאשקאוויטש זצ"ל** אב"ד נייטרא וומסב"ג.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** דער זיידע, דער **סאבאסלוי'ער רב זצ"ל**, ליגט אין מאנטריאל?

**א' האבלים:** ניין, אין ארץ ישראל, אויפן הר הזיתים.

**רבינו:** ער האט אזוי געלאזט צוואה?

**א' האבלים:** ניין, מען האט אזוי פארשטאנען פון אים. ער האט אמאל געזאגט, אז ער האט נישט געקענט גיין ביים לעבן קיין ארץ ישראל, אבער ער האט חשק צו ליגען דארט.

**רבינו:** איך בין איינמאל געווען אין שטוב ביים זיידען, דער **סאבאסלוי'ער רב**, אין מאנטריאל. איך בין געווען אויף א באזוך מיט מיין טאטען.

**א' האבלים:** דער זיידע, דער טאטעס טאטע, איז געווען א תלמיד מובהק פונעם **לבושי מרדכי**. ער האט פארציילט אז דער **לבושי מרדכי** פלעגט כמעט ביז סוף ימיו, זיך יעדן אינדערפרי מוצא זיין ברכת התורה. ער פלעגט קומען אין ישיבה זיך מוצא זיין מיט ברכת התורה.

דער טאטע פלעגט דערציילען, אז דער זיידע איז אמאל געווען מיטן **לבושי מרדכי** ביי א אסיפת הרבנים, און ווען ער איז אריינגעקומען איז שוין געווען דארט א היבש רבנים, האט זיך איינער אנגערופען, מאכטס פלאץ פארן גדול הדור. דער **לבושי מרדכי** איז געשטאנען ביים טיר, און ער האט זיך אזוי צוגעריקט צום וואנט, ער האט געוואלט מאכן פלאץ פארן גדול הדור...

**רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטען ז"ל**, אז בעפאר ער איז געווארן בר מצוה, האט אים זיין פאטער גענומען צום **לבושי מרדכי**, ער זאל אים אנוואונטשען. און ער האט געבעטען דעם **לבושי מרדכי** אז ער זאל אים בענטשען. און דער **לבושי**

**מרדכי** האט געזאגט, איך קען נישט. און דער זיידע האט אים אזוי מפציר געווען, און דער **לבושי מרדכי** האט געזאגט, אז ער קען נישט. דער טאטע פלעגט צו זאגן, אז ער האט שוין רחמנות געהאט אויף אים ווי אזוי ער בעהט זיך אזוי, אז מען זאל אים אפלאזן. און דער זיידע האט מפציר געווען, און ער האט אים געבענטשט. דער טאטע האט עס געהאלטן פאר א זכיה אז ער האט באקומען א ברכה פונעם **לבושי מרדכי**.

**א' האבלים:** דער זיידע האט פארציילט, אז דער **לבושי מרדכי** ווען ער פלעגט שרייבען א תשובה, פלעגט ער שרייבען זייער גרויסע טיטלען. און איינער האט אים אמאל געפרעגט דערויף, האט ער געזאגט, אויף מיך שרייבט מען דאך אויך אזוי...

**רבינו:** דער פריערדיגער **וויענער רב זצ"ל**, איז אויך געווען א תלמיד.

**א' האבלים:** ער האט געלערנט בחברותא מיט מיין זיידען.

**רבינו:** און ער פלעגט צו זאגען, אז דער **לבושי מרדכי** האט זיך געקענט שווער אויסרישען צום דאווענען, און ער פלעגט צו דאווענען אן מנין. און דער **וויענער רב** האט עס נישט געקענט אויסהאלטן, אז דער רבי האט נישט קיין מנין. האט ער ארגאניזירט, אז יעדען טאג זאלן צען בחורים מיט דאווענען ווען עס קומט אויס. און דער **לבושי מרדכי** האט אים מכיר טובה געווען, אז ער האט געקענט דאווענען מיט מנין[א].

**א' האבלים:** דער זיידע איז געווען ביים **לבושי מרדכי** כמעט ווי א קינד, ווייל ער איז געווען א יתום פון זיין טאטען. מען קען זאגען אז ער איז נתגדל געווארן ביים **לבושי מרדכי**. ער האט אים געגעבן דרשה געשאנק צו די בר מצוה א סעט **אלשיך**. דעם לעצטען יאר פונעם **לבושי מרדכי** איז דער זיידע געווען דארט ביים סדר, און ער האט זיך מיישב געווען אז ער גייט גנב'ן דעם אפיקומן, און ער וויל בעטן א ברכה פונעם רבי'ן. די ערשטע נאכט האט ער גע'גנב'ט די אפיקומן, ווען עס איז געקומען צפון, און ער האט געבעטן די אפיקומן, האט ער געזאגט ער וויל א ברכה פון רבי'ן. האט זיך דער **לבושי מרדכי** אנגערופן, דער רבונו של עולם זאל העלפען, דו זאלסט זוכה זיין מקיים צו זיין והשיב את הגזילה... האט ער עס צוריקגעגעבן. און ער האט זיך מיישב געווען, אז די צווייטע נאכט וועט ער זיך נישט לאזן. די צווייטע נאכט האט ער נאכאמאל גע'גנב'ט, ווען עס קומט צפון פרעגט דער **לבושי מרדכי** ווער האט עס גענומען, האט ער געזאגט, אז ער גיט עס נישט צוריק ביז דער רבי וועט געבען א ברכה. האט דער **לבושי מרדכי** אים אנגעוואונטשן, מיין קינד, איך וועל דיר שטיין צו די האנט ווען איך וועל קענען, צו ווען דו וועסט מיך דארפן, אזא מין לשון.

ווען דער **לבושי מרדכי** איז נפטר געווארן, ביי די מלחמה, האט מיין זיידע שוין חתונה געהאט, און זיי זענען געווארן צוטיילט. אין דעברעצין איז געווען צוויי געטא'ס, ער איז געווען אויף איין פלאץ און זיין ווייב מיט צוויי קינדער, דער טאטע מיט א שוועסטער, זענען געווען אויף א צווייטע פלאץ. און מען האט נישט געוואוסט צו ער זאל גיין צו זיי, צו זיי זאלן גיין צו אים. ביינאכט איז אים דער **לבושי מרדכי** געקומען אין חלום, און ער האט אים געזאגט, דו גיי צו זיי. און טאקע פון דארט ווי ער איז געווען, האט מען געטראגען קיין אושוויץ, און די אנדערע זענען ניצל געווארן, זיי זענען געפארן קיין עסטרייך.

**רבינו:** מיינע עלטערן זענען אויך געווען דארט. פון מאקאווא האט מען אויך גענומען אהין.

**א' האבלים:** עס איז דא א יוד רבי משה שפיטצער, ער האט געלערנט ביים זיידען דער **סאבאסלוי'ער רב**, האט ער געזאגט, אז דער זיידע האט אים דערציילט, אז דער **לבושי מרדכי** האט אים אמאל געזאגט, אז מען זאגט אויף אליהו הנביא, אשרי מי שראה פניו בחלום, איך האב אים געזעהן בהקיץ (עיין בתולדות **כ"ק מרן בעל עזר מיהודה זצוק"ל**, בראש הספר **עזר יהודה** – בראשית, דף יח).

**רבינו:** זיי זענען געווען גרויסע לייט.

**א' האבלים:** דער טאטע האט געהאט א מורא'דיגע חביבות צום **שאמלויא'ער רב'ס** ספרים. ער האט

---

[א] בהקדמת **עזר מיהודה** כתוב, שהיה תלמיד נאמן לרבו **הגאון בעל לבושי מרדכי זצ"ל**, ודרכו של רבו היה להאריך בתפלת שחרית, ולא המתינו עליו, והתפלל בלי מנין. והלך הוא לקבץ מעות מנדיבי העם, לפרנס עשרה זקני העיר יושבי אהל בארוחת הבוקר, וככה הצליח לסדר מנין עבור רבו בכל יום לתפלה. וקודם חתונתו נכנס לקבל ברכת פרידה מרבו, והניח שתי ידיו על ראשו, וזלגו עיניו דמעות, ושהה זמן ארוך בברכותיו, ואמר לו, הואיל ועשית לי תענוג רוחני ונחת רוח, ובפרט בסידור המנין, שזה יותר משתי שנים שלא חיסרתי מתפלה בציבור, ישלם לך השי"ת שירבה גבולך בתלמידים, ובכל אשר תפנה תצליח. ואמר, שהדמעות נטפו על כובעו ונעשה כתם גדול, ולכבוד החתונה קנו לו כובע חדש כנהוג, ולא רצה ליכנס תחת החופה רק עם הכובע שנשרו עליו דמעות רבו. והחזיק תמיד שהצלחתו בהרבצת התורה היתה בזכות ברכת רבו אז.

געהאלטן אז א חלק פון זיין וועג אין דרוש, האט ער געגומען פונעם **שאמלויא'ער רב**. עס איז אייביג געלעגן אויפן טיש דער **אבן שלמה**, מיטן **אבני המקום**.

**רבינו:** דער **שאמלויא'ער רב** האט זייער שיין געטייטשט, און ער האט עס גוט אראפגעלייגט. בשעת מען לערנט עס, קען מען זיך מסדר זיין ווי אזוי צו זאגען.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **משה הערש קליין** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א** (18 עוו.) שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי פישל סופר שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד בוענאס איירעס שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי משה ראטה שליט"א** רב הצעיר דקארלסבורג (בן כ"ק הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א), שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת וירא</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **משה הערש קליין** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***<u>שבת קודש פרשת וירא</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרה"ג רבי **חיים ישעי' שווימער** שליט"א שהתקיים בבית המדרש רמ"א.